rafów
Biblioteki
lonskiej
mny nr 12.

„ראדאמער - קעלצער לעבען" מיט דער „פאנאראמע" פאר 25 גר.

פרייז 25 גראשען XV-ער יאהרגאנג „Należytość pocztowa uiszczona gotówką" 4 (702) „Radomer-Kielcer Leben" היינט 10 זייטען

Radom, dnia 28-go Stycznia 1938 r.
ראדאם, פרייטאג כ"ו שבט תרצ"ח
טעלעפאן פון רעדאקציע 15 - 18

# ראדאמער-קעלצער לעבען

פאראנע פארבעריי
און כעמישע פראלניע
A.
HEMPEL
פאבריק און צענטראלע אלטע שטאדט 7
פיליעס:
זשעראמסקי 1
זשעראמסקי 21
זשעראמסקי 59
טראוגוטא 11
קעלנער צו וואשען צו 15 גר.

א הערצליכען מזל טוב ווינש איך דער פאמיליע ראזנער
צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן
ראובן מיט פרל. רעגינא קאהן
מיט גליק זאל געשלאסען זיין זייער צוזאמענבונד.
איתמר ווערבער.

א געמויערטע —
צו פערדינגען געביידע
מיט בלעך בעדעקט
דער שטח פערנעמט 20 מעטער די לענג און 12 מעטער די ברייט.
די געביידע געפינט זיך אין בעסטען האנדעלס-פונקט,
וואו עס קענען דארט איינגעארדענט ווערען
א פאבריק, ווארשטאטן, א גאראזש, סקלאדעס.
אינפארמאציעס קען מען בעקומען אין אדמיניסטראציע-ביורא
טראוגוטא 51 ביי י. בלאסס.

ד"ר מעד.
ס. וויטאנסקי
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען
אויף זשעראמסקיעגא 13 טעלעפ. 12-14

Wytw. Wyrobów Cukierniczych p. l.
„Americanka" L. Wajsbrot Rynek 16
מאכט בעקאנט דאס ג. פובליקום, אז עס איז געעפענט געווארען פון ניי-יאהר
א צוקערניע און היגיענישע בעקעריי
איינגעארדענט לויט די לעצטע סאניטארע פארשריפטען.
יעדען טאג פריש און פיין געבעקס צו ביליגע פרייזען. פערשידענע
געשמאקע טשאסטעס פון דער פיינסטער קוואליטעט צו 15 גר.
ס'איז צו בעקומען שטענדיג טארטען מארציפאנאווע פון 1.50 און
אלע ווערט אויסגעארבייט דורך א פאכמאן מיט א לאנגיעהריקער פראקטיק.
אלע מינים געבעקסען ווי לוקסען, בילקעלעך. טשאכטעס, וואפלעס, הערי-
באמניקעס, טארטען, באקאלעס דעסערטאווע, לעקעך, פערשירענע קרעמען, מיג-
דאלאווע ארטיקלען און פרייטאג חלות — בעקומט מען
אין דער יודישער צוקערניע „אמעריקאנקא" טראוגוטא 62
ווי אויך אין דער היגענישער צוקערנישע בעקעריי רינעק 16
און אין געוועלב רינעק 14
עס ווערן אויך אנגענומען בעשטעלונגען אויף שמחות, בעלער, קאנצערטען א.ז.וו.
שאקאלאר פון פערשידענע פירמעס און פרוכטען צו ביליגע פרייזען

W domu, czy w sali dancingu wytwornej
Na wsi, czy w mieście — jednym słowem wszędzie
Papieros w gilzie „Dla Znawców" wybornej
Zawsze najlepiej smakować ci będzie

אנ'אגענט
ווערט אנגענומען אויף ראדאם
צו פערקויפען אונזער אויסגעצייכנטע טיי מיט'ן גלעזעל „העל-טעא"
אפערטען אין דער ציקאריע-פאבריק „JAWA"
Nowogrodzka 28 און שפייז-ארטיקלען

ווילט איהר האבען קלארע, זויבערע וועש, נייע גארדעראבעס, שניי-ווייסע פארהאנגען,
גיעט נאר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאנטער
כעמישער פארבעריי און פראלניע פון דער ערשטקלאסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האט זיך ניט איבערצייגט זאל פרובען און וועט זיין ענטציקט
פון רער שענער, עסטעטישער און פאכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך
געוואשען אויף טריקען – ביליגע פרייזען! —פינקטליכע אויספיהרונג
סאלידע בעהאנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראלע: אלטע שטאדט 7 אפיצ. טעל 70-19
פיליעס: זשעראמסקי 1, טראוגוטא 11
זשעראמסקי 21, זשעראמסקי 59
ביליג צו וואשען קאפעלושען

KINO APOLLO

שבת 3 נ. מ. און זונטאג 12 און 1\45

ROBERT i BERTRAND
CZYLI DWAJ ZŁODZIEJE

Od poniedziałku b. m.
ZACZĘŁO SIĘ
w POCIĄGU
z ROBERTEM TAYLOR
i ELEANOR POWELL

ביז זונטאג דעם 30 איינשליסליך
Dzieje miłości, które wzruszą do głębi!
Zew miasta, które porywa, fascynuje!
ZYCIE ULICY
W rolach głównych: niezrównana bohaterka „ZIEMI BŁOGOSŁAWIONEJ"
Luiza Rainer
i Spencer Tracy
Nad program dodatki

KINO APOLLO

# נישט ערלויבט צו עפענען דעם „ארט".

מיר האבען שוין איינמאל געשריבען, אז דעם 1 יולי, ס'הייסט אין עטליכע טעג ארום וועט געעפענט דער „ארט". דער קאמיטעט האט שוין אפילו געמאכט אלע נויטיגע הכנות צו דער ערעפנונג, אבער אין דער לעצטער מינוט דערוויסען מיר זיך, אז נאכטען דאנערשטאג, איז דערהאלטען געווארען פון קראקאווער קוראטאריום א מעלדונג, אז ס'וועט נישט דערלויבט פארלויפיג צו עפענען די פאך-קורסען פון „ארט" צוליב פארמעלע טעמים.

# אראבישע פאמעראנצן שטעלט צו א יודישער סוחר.

מען גיעט איבער, אז דער יודישער סוחר חיים כאסמאן מיט א קריסטליכען שותף טשארנאטא האבען געבראכט א וואגאן אראבישע פאמעראנצען, וואס טראגען דעם אויפשריפט „אמארא".

וויזוט אויס, אז ביים ה' כאסמאן ענויפטירען שוין נישט קיין יודישע פרדסים אין ארץ-ישראל. אפשר מיינט ער, אז צוליב די טעראר-אקטען פון די אראבער קריגט מען שוין נישט קיין יודישע פאמעראנצען און ער האט זיך באווארנט מיט אראבישע, מיט וועלכע ער וויל מזכה זיין די יודישע קאנסומענטען! ס'איז א טעות פאניע כאסמאן, אין א"י זענען נאך דא גענוג יודישע פאמעראנצן.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען זוהן

ראובן מיט פר"ל. רעגינא קאהן

ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל טוב און פיעל גליק.

מיר וואלטן דערלעבען פון אייך פיעל נחת

יונה ראזנער עם פרוי און קינדער

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע

רעגינא מיט ה' ראובן ראזנער

ווינשען מיר פיעל גליק און די עלטערען פיעל נחת

פאמיליע קאהן
פון ראדאם און קאזשעניץ.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטער'ן - מאכטער

פר"ל רעגינא קאהן
מיט ה' ראובן ראזנער

ווינשען גליק און אייביגע צופרידענהייט

מרדכי געליבטער עם פרוי

---

Z okazji zaręczyn

*p. Reginy Kohn* z. p. *Rubinen Roznerem*

życzymy Im dużo szczęścia i pomyślności

CHILOSTWO DANCYGER

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע

רעגינא קאהן מיט ה' ראובן ראזנער

ווינשען מיט זיי פיעל גליק און צופרידענהייט
און די עלטערען פיעל נחת.

משה הארוויטש און פרוי

---

א הערצליכען מזל טוב ווינשען מיר דער פר"ל

רעגינא קאהן צו איהר פערלאבונג מיט ה' ראובן ראזנער

גליק און צופרידענהייט זאלען באגלייטען זייער צוקונפט

זעליג גאלדבערג עם פרוי און קינדער

---

# פון רעדאקציע

דער קאמוניקאט פון האנדווערקער-פערבאנד און דאנקזאגונגען, וועלכע זענען דערהאלטען געווארען שפעט האבען נישט געקענט אריין אין היינטיגען נומער און קומען די צווייטע וואך.

---

# דאנקזאגונג

מיר דריקן אוים דעם הערצליכסטען דאנק די ראדאמער לאנדסלייט פון אמעריקא (ניו-יארק) פאר די 150 דאלאר וואס זיי האבען געשיקט פאר'ן יודישען שפיטאל.

אונזער דאנק, א חוץ דעם וואס ער בעציהט זיך צו דער שפענדונג גופא, וואס האט אן פאר זיך א קאנסטיטוציאנעלן וועדטה – איז ער גלייכצייטיג אויך אן אויסדרוק פון אונזער אנערקענונג פאר'ן וואריסען אינטערעס וואס די געהעריגע ראדאמער לאנדסלייט וויזען ארויס פאר אזא וויכטיגען אנשטאלט וואס איז דאס יודישע שפיטאל און וואס זיי זארגן פאר זיין קיום.

די דירעקציע
פון יודישען שפיטאל אין ראדאם

---

# דאנקזאגונג.

מיר דאנקען הערצליך די ראדאמער לאנדסלייט אין אמעריקא פאר זייער וואהלטאט, שיקענדיג 75 דאלאר פאר אונזער ערציהונג'ס - אנשטאלט פון ארימע יודישע קינדער, חינוך - ילדים.

מיר בעטען אויך אויף ווייטער אין אונזער אינסטיטוציע נישט צו פערגעסען.

די פערוואלטונג פון חינוך - ילדים
אין ראדאם.

---

# דאנקזאגונג.

מיר פיהלען פאר אונזער חוב אויסצודריקען דעם בעסטען דאנק די ראדאמער לאנדסלייט אין אמעריקא פאר די 35 דאלאר וואס זיי האבען געשיקט פאר אונזער אינסטיטוציע „הכנסת - אורחים".

אונזער אינסטיטוציע איז שוין עטליכע מאל בעזוכט געווארען דורך די דעלעגאטען פון ראדאמער רעליעף אין ניו-יארק, די ה"ה דאימאנד און האמערשטיין און איז זיי זעהר געפעלען צוליב דער וויכטיגער און נוצליכער לייסטונג, וואס זי ברענגט פאר מענשען וואס זענען נע-ונד. מיר פיהלען א סאטיספאקציע דערין, וואס אונזער ארבייט ווערט ווי געהעריג אבגעשאצט דורך אונזערע ברידער אין אמעריקא.

גלייכצייטיג דאנקען מיר שוין 15-טער קאמיטעט אין ראדאם, וואס וויזט ארויס פערשטענדניש פאר אונזער אינסטיטוציע.

די פערוואלטונג פון „הכנסת-אורחים" אין ראדאם.

---

שבת דעם 29/1 ד. ח. 7 אזייגער אווענד קומט פאר
אין איינענעם לאקאל טראוגוטא 55

# די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון דער אלג. ציוניסטישער ארגאניזאציע (וועלט-פערבאנד) אין ראדאם

טאג ארדנונג: 1) ערעפנונג 2) וועהלען א פארזיצענדען 3) דין וחשבון פון דער ציוניסטישער טעטיגקייט 4) דין וחשבון פון דער יוגענד-פעטיגקייט „עקיבא" 5) קאנע בעריכט, בורושעט - פרעלימינאר אויף 1938. 6) דיסקוסיע 7) וועהלען פון א קאמיטעט.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען פינקטליך.

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA —
DOBRA KAWA

# Niemasz ponad mydło „TRÓJKA”

## אכטונג טאבאק־סוחרים.

פון קליינהענדלער־פעראיין מאכט מען אונז אויפמערקזאם, אז דעם 1־טען מערץ ה. י. ענדיגט זיך דער היינטיגער פרייער־טאבאק־פערקויף און די ביטעס וואס זענען אבגעגעבען געווארען צום טאבאק־מאנאפאל וועגען ערלויבעני חיי־סער צו האנדלען האבען נאר שאנסען בעשטעטיגט צו ווערן די פריוועליגירטע (מלחמה־אינוואלידען און אנד.) דעריבער דארפען די נישט פריוועלעגירטע זיך בעזונדער ווענדען אין די ראיאן־פערקויפס־שטעלעס פון טאבאק־מאנאפאל פון וועלכע עס איז אין דער גרעסטער מאס אבהענגיג דאס בעקומען דערלויבענישען אויף האנדעל מיט טאבאק־אויסארבייטונגען.

## דעלעגאט אויף דער רעוויזאניסט. וועלט־קאנפערענץ אין קעלץ

מארגען שבת אווענד פאהרט אב פון קעלץ ה' ל. ראדאל אלס דעלעגאט אויף דער רעוויזיאניסטישער וועלט־קאנפערענץ קיין פראג (טשעכאסלאוואקיי).

## גנבות און פארפאלען.

דער בית־שותף צו דער עקספעדיציע „עקספרעס־קיעלעצקי” ה' קלמן ליכטענשטיין (שיענקיעוויטשא 16) האט געמאלדען אין דער פאליציי, אז אומבעקאנטע גנבים האבען ארויסגעגנב'עט פון לאסט אויטא, וואן ער איז געשטאנען אויף דעם וועלבען הויף, גאלאנטעריע־לערער אין דער ווערט 1.163 זל. ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען האבען די לעדער צונע'גנב'עט אהרן קורץ (ראלעקע 22) מאיר מאכטינגער און זיין ברודער שלמה (לעשטשינסקא 9) וועלכע זענען געווארען פערהאלטען.

אומבעקאנטע פערברעכער האבען זיך אריינגעקומען צום היגען אינזשעניער מיכאל פינקעלשטיין (קאזשע 19) דורך אראבדרייען די לעדען פון די פענסטער און ארויסגע'גנב'עט א מענער־פוטער פאר 150 זל. 100 זל. מזומן־געלד און א יועקסעל אויף 50 זלאטעס פאליציי פיהרט א אויספארשונג.

צו דער ספיזשארניע פון היגען דעזאר יהושע הארוויץ (פלאטני 1) האבען זיך צוגעכאפט שטל כע גנבים, וועלכע האבען ארויסגע'גנב'עט פערשידענע קאנסיטורען און אנדערע ווערט־זאכען אויף א סומע פון 100 זלאטעס.

---

רוסישע אפיצירען, יאפאנישע מיליטער און סענסאציאנעלער שפיאן אין ליבע־פילם

„YOSHIWARA“

וועלכער ווערט דעמאנסטרירט אין קינא „סאסינא“

---

גאנץ קעלץ טרעפט זיך שבת און זונטאג אווענד אין „טעאטער פאלסקי”

וואו ס'טרעט אויף דער אנסאמבל פון דער יודישער נאציאנאלער בינע

אין בערימטען ספעקטאקל **„דער משפט”**

אין די ראסן קאמעדיע **„יעקב און עשו”**

---

דעם ה' **ל. גריצמאן** און **פרוי**

צום געבורט פון זייער **טאכטער**

ווינשט א הערצליכען מזל־טוב

קעלץ. **י. צוקער**

---

### צחיי מזרחיסטישע כהונר אין קעלץ.

די קומענדע וואך וועט וויילען אין קעלץ דער בעקאנטער מזרחיסטישער טהוער י. ל. שטשערינסקי (ווארשא) אין אנגעלעגענהייטען פון יודישען זעלבסטהילף־קאנגרעס אין פוילען, ווי אויך הרב הארוויטש (זיארשא) צו ארגאניזירען דעם מחלקת החרדים ביים קרן קימת לישראל ביי אונז אין שטאדט.

---

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół

to

**kucheni, żelazka**
**grzejniki do rurek**
**poduszki i inne**

Do nabycia na dogodnych warunkach

**w Radomskim Towarzystwie Elektrycznym** Sp. Akc. w Radomiu ul. Traugutta 53

---

# Obwieszczenie.

Zgodnie z art. 13 przepisów o organizacji gmin. wyzn. żydów. (Dz. Ust. Nr. 52, poz. 500 z r: 1928) podaje się do wiadomości, **że budżet i lista składek Gminy za rok 1938 wyłożone będą do wglądu dla członków Gminy w ciągu 8-iu dni t. j. od 23 do 30 stycznia b. r. włącznie** w kancelarji Gminy (Żeromskiego 9) od 9-ej do 2-ej po poł.

Tymczasowy Zarząd
*Gminy Wyzn. Żydowskiej*
w Radomiu

**Radom dnia 21 Stycznia 1938 r.**

# בעקאנטמאכונג.

אויפ'ן סמך פון ארט. 13 פון דער פארפליכטענדע פארשריפטען וועגען די יודישע רעליגיעזע קהלות, (דז. אוסטאוו נום. 52 פאז. 500 פון 1928 יאהר). ווערט בעקאנט געמאכט,

**אז דער בודזשעט און די ליסטע פון קהלה־שטייער (עטאט) פאר'ן יאהר 1938 וועלען ארויסגעלעגט ווערען צום דורכזעהן פאר די קהלה־מיטגלידער במשך 8 טעג ד. ה. פון 23 ביז'ן 30 סטיטשיען ל. י. איינשליסליך. אין דער קהלה־קאנצעלאריע** (זשעראמסקי 9) פון 9 ביז 2 בייטאג.

צייטווייליגע פערוואלטונג
פון **דער יודישער קהלה**
אין ראדאם

ראדאם דעם 21 יאנואר 1938 י.

---

**Kino ADRIA**

שבת דעם 29 1 און 3 און
זונטאג דעם 30 1 און 2 אז

פריהמארגען ־ פילמען

**JAN KIEPURA**

# W BLASKU SŁONCA

אין די הויפט ראל:
פריעדלציעפא. לולי

*Do niedzieli dnia 30 stycznia włącznie*

**Kino ADRIA**

WYBITNE ARCYDZIEŁO

P. T. **KROLOWA WIKTORIA**

Prawdziwie ludzki temat, oparty na przeżyciach królewskiego, a przecież prostego kobiecego serca

W rol. gł. ANNA NEAGLE i ADOLF WOHLBRÜCK — **Nadprogram. Ciekawe dodatki**

Od poniedziałku dnia **31** stycznia **1938** r.

**KOSCIUSZKO pod RACŁAWICAMI**

---

**אכטונג קעלץ!** אין אלע רעדאקציע און אדמיניסטראציע ־ עניינים ביטע זיך צו פערשטענדיגן מיט אונזער מיטארבייטער **י. צוקער**

שריפטליך קען מען זיך ווענדען:
Red. „Radomer - Kielcer - Leben“
Kielce, skrz. poczt. 98. — Tel 16 - 22

אבאנאמענטס פרייז: פאר א חודש אין פוילען זלאט
אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק
אין אנדערע לענדער 30 סענט.

TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie mm szp. 40 gr. w tekscie mm 1 szp. 60 gr. na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr. 1-sza i ostatnia strona liczą 8 szpalt.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. tel. 15 - 18 .טעל Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben“ Radom Szwarlikowska 20